**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט ערשטע מענטשן צו געוואונען אין דעם 4 מיליאן דאלארדיגן גייסטישע געזונטהייט סקאלערשיפ פראגראם

***פינאנצירונג וועט העכערן ראטעס פון סטודענטן פאר בעטשעלאר'ס און מעסטער'ס דעגריס פון שוואכערע הונטערגרונטן וועלכע בלייבן און פארענדיגן זייער דעגרי אין די גייסטישע געזונטהייט פעלד***

***פראגראם ציהלט צו פארברייטערן און מאכן די גייסטישע געזונטהייט ארבעטסקראפט מער פארשידנארטיג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די ערשטע נעמען צו געוואונען סקאלערשיפס פון דעם 4 מיליאן דאלארדיגן סקאלערשיפ פראגראםצו שטיצן סטודענטן וועלכע קומען פון קאמיוניטיס וואו עס זענען נישטא אסאך וואס לערנען וועלכע גייען אריין אדער האבן זיך איינגעשריבן אין גייסטישע געזונטהייט דעגרי פראגראמען אין סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (SUNY) אדער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (CUNY) מוסדות. דער פראגראם ציהלט צו פארברייטערן און מאכן ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט ארבעטסקראפט מער פארשידנארטיג, זייענדיג א פעלד וואס האט ביז היינט נישט גענוג ארבייטער פון אפשטאמיגע און ראסישע מינאריטעטן, באזונדערס אין ראלעס פאר וועלכע עס פאדערט זיך א פארגעשריטענע דעגרי אדער בילדונג-באזירטע סערטיפיקאציעס. דער פראגראם ווערט ערמעגליכט דורך א פעדעראלע גרענט געשאנקען דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט (Office of Mental Health, OMH).

"דורך די שותפות מיט SUNY און CUNY, נעמען מיר קריטישע שריט צו שאפן א פובליק העלט קעיר סיסטעם וואס שפיגלט באמת אפ די קאמיוניטיס וועם זי דינט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל אנוואונטשן די לעצטע געווינער וועמען'ס איבערגעגעבנקייט צו די פעלד וועט ביישטייערן צו א געזונטערע און גלייכערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

די ערשטע געווינער צו ארייגערעכנט ווערן זענען 11 סטודענטן פון זעקס אנדערע SUNY קאמפוסן. די געווינער זענען:

- **דעיזי קאלוואריאָ וועלאסקאָ,** צווייטע יאר אין היומען דעוועלאפמענט, בינגהעמטאן אוניווערסיטעט
- **סעלין דעקאַמברע,** דריטע יאר אין פסיכאלאגיע, באפעלאו אוניווערסיטעט
- **קעיטלי דאמיניקי,** דריטע יאר אין פסיכאלאגיע, פּוירטשעיס קאלעדזש
- **מישעל דאָנג,** צווייטע יאר אין סאציאלאגיע, אלבאני אוניווערסיטעט
- **דזשינעט גואַסיאָו,** ערשטע יאר מעסטער'ס סטודענטקע אין סאָושעל ווארק, בינגהעמטאן אוניווערסיטעט

- **קווין הענדערשאט**, צווייטע יאר דאקטאר'ס סטודענט אין קלינישע פסיכאלאגיע, בינגהעמטאן אוניווערסיטעט
- **טעריזע מעיהא**, צווייטע יאר דאקטאר'ס סטודענט אין קלינישע פסיכאלאגיע, אלבאני אוניווערסיטעט
- **לואיזע פערעז ארטיז**, ערשטע יאר מעסטער'ס סטודענטקע אין גייסטישע געזונטהייט קאונסעלינג, באפעלאו אוניווערסיטעט
- **ס. ראשיד**, ערשטע יאר מעסטער'ס סטודענט אין פסיכאלאגיע, באפעלאו אוניווערסיטעט
- **ראמשא סוהעיל**, ערשטע יאר מעסטער'ס סטודענטקע אין גייסטישע געזונטהייט קאונסעלינג, SUNY אָלד וועסטבורי
- **עסטער טורעי**, דריטע יאר אין פסיכאלאגיע, באפעלאו אוניווערסיטעט

אין אוגוסט פון 2022 האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז SUNY און CUNY האבןביידע באקומען 2 מיליאן דאלאר פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט צו שטיצן סטודענטן פון קאמיוניטיס וואו עס זענען נישטא אסאך וואס לערנען — אין גייסטישע געזונטהייט דעגרי פראגראמען. סטודענטן וועלכע ווערן אויסדערוועהלט פאר די סקאלערשיפ פראגראם וועלן געגעבן ווערן א סומע געלט אזוי ווי זיי מאכן פארשריט דורך דעם פראגראם; זיי וועלן באקומען הדרכה פון גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן; באריכערונג פראגראמען וועלכע באשטייען פון פרעזענטאציעס דורך גייסטשיע געזונטהייט פראפעסיאנאלן און עקספערטן אין די פעלד; און אזוי אויך אינטערנשיפס אין גייסטישע געזונטהייט אנשטאלטן און/אדער מיט גייסטישע געזונטהייט פראפסיאנאלן.

די גייסטישע געזונטהייט פעלד, פונקט ווי פילע אנדערע מעדיצינישע פעלדער, גייט אריבער א באדייטנדע מאנגל אין קלינישע פראפעסיאנאלן, באזונדערס אזעלכע וועלכע רעדן אנדערע שפראכן, און דאס זעצט פאר צו טרייבן אומגלייכקייטן אין צוטריט, קוואליטעט און באהאנדלונג פאר די וועלכע קענען נישט אזוי גוט ענגליש. אין צוגאב צום העלפן סטודענטן זיך איינהאנדלען די נויטיגע סקילס און סערטיפיקאציעס צו קענען בויען ערפאלגרייכע קאריערעס, ארבעט די אינציאטיוו צו פארקלענערן גייסטישע געזונטהייט אומגלייכקייטן וועלכע ווערן געטראפן אין די סטעיט'ס פארשידנארטיגע קאמיוניטיס דורכן פארמערן די שטאפל פון סערוויסעס וועלכע ווערן געגעבן אין א קולטוריש-פאסיגע וועג.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "די OMH איז שטאלץ צו האבן אויפגעשטעלט דעם סקאלערשיפ פראגראם פאר סטודענטן פון פלעצער וואו נישט אסאך גייען לערנען וועלכע זוכן צו ווערן גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן. אונזערע שותפות'ן מיט SUNY און CUNY וועלן אונז העלפן אויפבויען א מער פארשידנארטיגע גייסטישע געזונטהייט ארבעטסקראפט וואס וועט אונז ערלויבן צו ארבעטן בעסער מיט שוואכערע און באזייטיגטע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק טשענסעלאר, דזשאן ב. קינג, האט געזאגט,** "אין א צייט ווען גייסטישע געזונטהייט קעיר איז וויכטיגער פון סיי ווען, מוזן מיר זיך שטארקן איבער די מאנגל אין סטודענטן פון מינאריטעטן וואס לערנען זיך פאר די גייסטישע געזונטהייט פעלד. SUNY איז אנטשלאסן צו מאכן די גייסטישע געזונטהייט פעלד מער פארשידנארטיג, ווייל א פארשידנארטיגע ארבעטסקראפט מיט הויכע סקילס וועט ברענגען בעסערע פאציענט קעיר און געזונטהייט תוצאות, און אזוי אויך ווייל די עקאנאמיש- און עמאציאנאל-לוינענדע קאריערעס מוזן זיין מעגליך פאר יעדן איינעם. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט און די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט פאר זייער שטיצע און שותפות."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "אונזער גייסטישע געזונטהייט ארבעטסקראפט מוטשעט

זיך שוין פון לאנג אין א מאנגל אין פארשידנארטיקייט, און די אנגייענדע פראבלעם פירט אפט דערצו אז מינאריטעט קאמיוניטיס האבן נישט גענוג צוטריט און קעיר. מיר מוזן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו מאכן אונזערע בילדונג פראגראמען מער פארשידנארטיג און באפולמעכטיגן סטודענטן צו אריינגיין אין די פעלד. דערפאר בין איך באגייסטערט צו זעהן די פעדעראלע געלטער ווערנדיג געגעבן פאר סטודענטן אריבער אונזער סטעיט. איך וויל אנוואונטשן מישעל, טעריזע און אלע סטודענטן פארן באקומען די פארדינטע סקאלערשיפ, און איך דאנק זיי פארן נוצן זייער געוואלדיגע טאלאנט צו דינען און צוריקגעבן פאר אונזערע קאמיוניטיס."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָ עספאַיאַט האט געזאגט,** "איך וויל אנוואונטשן יעדע פון די יונגע געלערנטע אזוי ווי זיי גייען אריין אין די קומענדיגע שטאפל פון זייער אקאדעמישע רייזע און פארן ווערן די ערשטע צו באקומען פון די קריטישע סקאלערשיפ קאסע וואס איז געציהלט צו פארמערן די פארטרעטונג פון מינאריטעטן אין די גייסטישע געזונטהייט פעלד. זיי זענען שיינענדע לייכטורעמעס פון האפענונג און ערווייכונג, און איך קוק ארויס צו זעהן די השפעה וואס זיי וועלן האבן אויף די לעבנס פון אנדערע אריבער אונזער קאמיוניטי."

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**

די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז די גרעסטע ברייטע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינס פון SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אריבער די סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיקעל סקולס, צוויי דענטעל סקולס, א געזעץ שולע, די סטעיט'ס איינציגסטע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און זי פארוואלטעט אויך אויף איין פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט נאציאנאלע לאבארעטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזען אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען בערך 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכענענדיג באדייטנדעביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418